בעזהשי"ת



# קינדערגארטן ווינקל



ארויסגעגעבן דורך
סאטמאר קינדערגארטן
וויליאמסבורג

פרשת טהרה - שבת הגדול
גליון חג הפסח-זמן חירותינו
י"א ניסן שנת תשפ"ד – ערב פסח תענית בכורים
סוף זמן אכילת חמץ: 10:14, סוף זמן שריפת חמץ: 11:34

שנה ט"ז - גליון 728
זמנים: עש"ק 7:25 – מוצש"ק 8:54
זמן הדה"נ עריו"ט: 7:28, חצות: 12:54
הדה"נ ב' דפסח: 8:57, מוצאי יו"ט: 8:58

## די "קינדערגארטן ווינקל" וואונטשט פאר אלע קינדער און עלטערן א גוט שבת א פרייליכן יום טוב און א כשר'ן פסח

## פארווארט

## הודו לד' כי טוב!

**ברוב שבח והודאה** דאנקען מיר השי"ת אויף די אלע חסדים המרובים, עס איז ב"ה אדורך דער ווינטער זמן מיט סייעתא דשמיא, **ספעציעל דאנקען מיר דעם הייליגן באשעפער אז ב"ה מ'האט געקענט צוגרייטן די קינדער אונזערע תלמידים לכבוד דעם הייליגן גרויסן יו"ט פסח, זיי צוגרייטן צום הייליגן סדר נאכט מיט א געשמאק און דערהויבענקייט, די מנהגים, די סימנים, די קשיות, די אור אלטע ניגונים לכבוד יום טוב**, מיר זענען מתפלל און האפן צום באשעפער אויף ווייטער, מיט געזונט און נחת ביי אלע אידישע קינדער.

**דער ווינטער זמן** פון יאהר תשפ"ד ב"ה זייער א אינהאלטסרייכער זמן און וועט אי"ה בלייבן צום געדענקען. די קינדער האבן ב"ה אסאך גוטע און וויכטיגע זאכן געלערנט מיט פול אינטערסאנטקייטן, מען האט שיין פארברענגט אין א רוחניות'דיגע אטמאספערע א יעדן איינציגן טאג, אינהאלטרייכע לימודים מיט פאסיגע אקטיוויטעטן אלעס ב"ה אהער געשטעלט לתועלת התלמידים ספעציעל די סדרה ביכלעך מיט די שאלות דערויף, און אזוי אויך די א' ב' ביכלעך פאר די ק"ג כיתות, אזוי געשמאק ווי די לימודים ווערן איבערגעגעבן פאר די תלמידים דורך די

### ווינקל אינהאלט


- **פארווארט.**
- בדיקת חמץ חדר.
- **די קינדער זענען בודק חמץ.**
- פארציילט לכבוד פסח.
- **די מיטוואך שפיל פון די דיינו מעשה.**
- א סדר מיט קינדער.
- **גראם און באגריפן פון די וואך.**
- די 3 שיינע מעשה ביכלעך.
- **א ווארט צו די עלטערן לכ' יו"ט.**
- קינדערצייט נייעס.
- **חכמה'לעך.**
- די אלטע ניגונים מיט'ן אידישן חן.
- **ספעציעלע מעסעדש וועגן וועש.**
- מזל טוב וואונטשן.


**טעגליכע נייעס, שער הנגינה**
**718-407-7460-1/5/6**

## "בדיקת חמץ" חדר

**דעם קומענדיגן זונטאג, דעם טאג פון בדיקת חמץ שטעלן מיר צו בעזהשי"ת א ספעציעלע חדר.** שוין ווי געמאלדן אויף די ספעציעלע מודעות.

**ביז מארגן פרייטאג טהרה** קען מען נאך איינשרייבן אייער קינד מיטן שיקן $20.00 בייגעלייגט מיט די צעטיל ארויף געפינט צום קינד אויסגעפילט די אינפארמעישן פון קינד צו זיין רבי.

**קינדער וואס זענען נישט איינגעשריבן וועלן אי"ה אויך קענען קומען, - אין ווייט עווו. בילדינג, אויפן 2'טן שטאק, די פרייז ביים טיר איז $20.00.**

**עס וועט** זיין א הערליכע פראגראם פאר די קינדער ווי די קינדער וועלן אי"ה שטארק הנאה האבן. מען וועט דארפן **ברענגען די קינדער 10:30 און אויפפיקן 3:15 פונקטליך.** צוליב די אחריות אויף די קינדער וועט נישט זיין קיין טראנספארטעישאן. **מיר וועלן געבן צו עסן פיינע פרישטאג און מיטאג גאר געשמאק**, אויך וועט זיין א הערליכע פארשטעלונג פאר די קינדער בעז"ה ווי די קינדער וועלן בעזהשי"ת שטארק הנאה האבן.

עס וועט זיין אונטער די השגחה און אחריות פון די געוועגליכע מלמדים לטובת די קינדער.

**אסרו חג מיטוואך פ' אחרי הייבט זיך אן חדר 2 שעה שפעטער ווי א געוועגליכע טאג.**

א גוט שבת, און א גוטן פרייליכן כשר'ן יום טוב

געטרייע איבערגעגעבענע מלמדים אויף א מייסטערהאפטיגן וועג אויף אן אופן וואס גיבט אריין פאר די קינדערלעך א שטארקן חשק און ליבשאפט צום חדר ב"ה.

**א שטארקע געוויכט** איז אראפגעשטעלט ביי די פארציילונגען אין לאנטש רום סיי ביי פרישטאג און סיי ביי מיטאג, אזוי אויך מיט די שיינע הערליכע פלעיס און פארשטעלונגען יעדע וואך ביי די ק"ג און פרי ק"ג כיתות און אויך ביי די נויערסערי כיתות באזונדער, דאס ברענגט אריין אין די קינדער מער פארשטאנד און א געבינדנקייט צו יעדע לימוד ב"ה, מיט הנאה און געשמאק.

**השי"ת** זאל אונז ווייטער העלפן מיט שטענדיגע סייעתא דשמיא און אלע עלטערן זאלן שטענדיג זעהן אסאך נחת פון אלע קינדער עמו"ש גרינגערהייט מיט א פרייליכן געמיט און מיר זאלן אלע האבן **א פרייליכן יום טוב און א כשר'ן פסח מיט פיל השפעות און שעפן נחת פון די קינדער. אמן**

## די קינדער אין חדר זענען בודק חמץ

**אין די טעג פאר פסח:** ווען מ'גייט איבער די לימודים אין חדר ווערן אויפגעשפילט עטליכע זאכן זייער לעבעדיג עכט, אין די טעג פאר פסח א יעדע כיתה אביסל אנדערש איז מען בודק חמץ מיט עכטע פארבן: די רבי קומט אריין אינדערפרי און זאגט: קינדער! היינט וועלן מיר מאכן א בדיקת חמץ אין חדר! די רבי'ס גייען ארויס פון חדר און די קינדער האבן אנגעהויבן צו באהאלטן די 10 ברעקלעך, מען באהאלט דאס גוט אז די רבי זאל דארפן זוכן. **אהָ! אהַ!** וועט דאס זיין גוט, די רבי'ס קומען שוין אריין אין חדר מען גייט שוין בודק חמץ זיין, דא אין חדר וועלן מיר יעצט מאכן עכט "**בדיקת חמץ**". די רבי נעמט אלע דריי זאכן וואס מען נעמט צו די מצוה, א ליכט, א פעדער, און א לעפל. קיינער זאגט נישט אויס פאר די רבי ווי זענען די 10 ברעקלעך, יעדער קוקט זיך צו... דער רבי נעמט זיך צו די ארבעט מען זוכט און מען זוכט, ביי אונז קינדער איז שוין די שמחה גאר שטארק אלע צוזאמען זענען דערביי. ענדליך טרעפט מען א ברעקל און נאך א ברעקל ביז מען האט שוין געטראפן אלע צעהן ברעקלעך. מיין רבי זאגט אונז: אט אזוי גייט מען שוין טוהן ביי אונז אינדערהיים . איך קען שוין קויםווארטן דערויף.

## די מעשיות פארציילט לכבוד פסח

### קינדערגארטן – פרי קינדערגארטן

**די וואך** האבן מיר זיך ווייטער שיין צוגעהערט צו די מעשיות וואס מען האט פארציילט לכבוד פסח, אזוי שיין סיי אין חדר, און סיי אין לאנטש רום.

**אין די כיתות** האבן אונזער'ע רבי'ס געהאלטן זייער געשפאנט מיט די פארציילונגען פון דעם יו"ט פסח. מיר האבן דאס זייער שיין מיטגעהאלטן.

**אויך אין לאנטש רום** האבן מיר זיך צוגעהערט זייער שיין און מיטגעהאלטן מיט אסאך אינטערסאנטקייט **די מעשה פון "דיינו"** ווי עס איז זייער שיין אראפגעלייגט געווארן, ווי אזוי דער שלעכטער באדינער וויל אז מען זאל דעם איד (ר' בערל) לייגן אין דזשעיל אבער צום סוף האבן אלע געזעהן אז דיינו אליינס איז געווען דער גנב וואס ער האט צוגענומען די קעניג'ס רינגל, אלע קינדער האבן אויסגעשריגן: **דיינו אין דזשעיל! דיינו אין דזשעיל!...** (אויך דער מיטוואך פלעי איז געווען פון די מעשה) די מעשה איז אראפ געלייגט געווארן פאר די קינדער מיט אסאך אינטערסאנטקייטן **אדרבה!** הערט אויס פון די קינדער ווי זיי פארציילן דאס. אזוי ווי ס'איז נישט דא קיין בילדער ביכל פון די מעשה, ווען זיין א גוטע וועג ארויס צו באקומען די מעשה מיטן ווייזן פאר די קינדער די פלעי בילדער וועלן זיי דאס שיין איבער דערציילן.

**גראם פון די וואך:**

**דער קעניג איז זייער רייך,**
**און ער האט ליב א שיינע זאך.**
**דער קעניג שרייט מיט זיין צינגל,**
**ווי איז מיין נייע רינגל.**
**בלשצר זעהט א האנט,**
**וואס שרייבט אויפן קעניג'ס וואנט.**
**דער קעניג קומט זוכן דניאל,**
**דער צדיק פון שול.**

**קינדערגארטן**

**מיר ווערן באריכט מיט שפראך, ווען מיר לערנען זיך אויס יעדע וואך נאך נייע ווערטער מיטן ריכטיגן זאץ.**

**די אלע ווערטער, באגריפן, געפילן האבן מיר די וואך דערעהערט זייער שיין.**

**ווערטער און באגריפן:**

**א קעניג איז זייער רייך. א קעניג גייט מיט דשולערי.**

**א שלעכטע גלח. דניאל א צדיק ווייסט אלעס.**

**א יעדעס קינד דארף און וועט אי"ה מצליח זיין צו שטייגן העכער בעזו"ה**

## א מעשה וואס ווערט פארציילט לכבוד פסח

**קינדערגארטן פרי קינדערגארטן**

**אין די טעג ביז פסח פארציילט מען נאך און נאך** (עס איז אסאך מאל נישט גלייבן וויפיל קינדער קענען אויפנעמען קע"ה) די מעשה פון הייליגן בעש"ט האט מען אנגעהויבן צום פארציילן מער סוף וואך און ביז פסח וועט מען דאס גוט איבער גיין .

**ביי מיטאג** הערן מיר זיך צו צו **די מעשה פון הייליגן בעל שם טוב הקדוש זי"ע** ווי דער גלח פלעגט טוהן שלעכטע זאכן פאר די אידן. איינמאל פאר פסח האט דער גלח גע'הרג'ט א גוי'אישן אינגל און איהם אריין געלייגט אין א באקס, און דער גלח האט דעם באקס אריין געווארפן פסח ביינאכט אין א איד'ס הויז כדי דעם איד צו לייגן נאכדעם אין דזשעיל, ווען דער איד (ר' ליפא) האט געזעהן אז מ'האט אריין געווארפן דעם באקס מיט א גויאישע טויטע אינגל אין זיין הויז איז דער איד שנעל געלאפן צום הייליגן **בעל שם טוב הק' זי"ע** און איהם געבעטן רבי העלף וואס וועט זיין דא?, וואס קען מען טוהן דא? ווייל שפעטער וועלן קומען די פאליציי און אויפזוכן ביי דעם איד אין הויז און אויב וועט מען טרעפן דעם טויטן גוי'אישן אינגל וועלן אלע גוים מיינען און זאגן אז ער האט איהם גע'הרג'ט און מען וועט איהם לייגן אין דזשעיל, אוי וויי! אוי וויי!

**דער הייליגער בעל שם טוב** הייסט פאר זיין אייניקל (דער הייליגער דגל זי"ע) ער זאל שוין גיין צום דעם איד'ס הויז און אריין שרייען אין די באקס פון דעם טויטן גוי'אישן אינגל אז: **<u>מיין זיידע דער הייליגער בעל שם טוב האט געזאגט דו זאלסט שוין קומען צו איהם!</u>**

**און פלוצלונג..** טאנצט אויף דער גוי'אישע אינגל ארויס פון די באקס לעבעדיגערהייט און קומט צו גיין צום הייליגן בעל שם טוב הק'. דער הייליגער בעש"ט גיבט אים א בעכער, מיט א הגדה, און א מצה טאש, און זעצט איהם שיין צום סדר טיש. שפעטער ווען די גוים מיט די פאליס און דער גלח האבן געזוכט איבעראל דעם טויטן גוי'אישן אינגל אויך ביי יענע איד'ס (ר' ליפא'ס) הויז אבער זיי האבן גארנישט געטראפן,

**דער הייליגער בעש"ט** האט גערופן דעם שלעכטן גלח און איהם געוויזן ווי דער גוי'אישער אינגל איז לעבעדיג. און דער גוי'אישער אינגל האט אויסגעזאגט אז דער גלח אליינס האט איהם גע'הרג'ט, דער גלח האט זיך זייער דערשראקן און פארשעמט און געבעטן און געוויינט צום הייליגן בעש"ט הק' ער זאל נישט אויסזאגן פאר די פאליציי, האט דער בעל שם טוב געווארענט דעם גלח אז נאר אויב ער זאגט צו אז ער וועט אזוינס מער נישט טוהן. און אז אלע אידן דארף מען שוין ארויסלאזן פון דזשעיל. דער בעש"ט האט איהם גוט געווארנט ער זאל מער קיינמאל נישט טשעפענען מיט די אידן. אזוי ווי מיר האבן געענדיגט די מעשה האט מען הויך געזינגען **והיא שעמדה לאבותינו ולנו וכו'**

### ויהי בחצי הלילה

נאך האט מען פארציילט **די מעשה פון בלשצר דער קעניג פון בבל וואס די מעשה איז געשעהן פסח ביינאכט.** ווי אינמיטן די נאכט ווען ער האט געמאכט א גרויסע סעודה און בלשצר האט גע'גנב'עט די הייליגע כלים פון ביהמ"ק און זיי גענוצט ביי זיין סעודה, **האט ער געזעהן א האנט שרייבן אויפן וואנט**, קודם האט ער שנעל גערופן זיינע עצה געבער'ס אבער זיי ווייסן נישט וואס דארט שטייט האט ער גערופן דעם צדיק דניאל און דער קעניג פרעגט פון דניאל וואס שטייט דארט אויפן וואנט?,

**ענטפערט דניאל** פארן קעניג אז דאס האט געשריבן א מלאך און, דארט שטייט אז **"דעי נאכט גייט מען הרג'נען דעם קעניג"**, מיר הערן ווי דער קעניג בלשצר איז געווארן זייער דערשראקן, ער האט אנגעזאגט אלע סאלדאטן אז מען זאל זייער גוט וואטשן די נאכט און קיינעם נישט אריין לאזן, און אויב איינער קומט צום טיר, זאל מען איהם שוין הרג'נען! אינמיטן נאכט איז בלשצר געווארן זייער הייס איז ער ארויס געגאנגען שעפן לופט און ווען ער איז צוריק געקומען האבן איהם די סאלדאטן וואס האבן געוואטשט קיינעם נישט אריין לאזן האבן איהם גע'הרג'ט ווייל קיינער האט נישט געוואוסט אז ער איז דער קעניג בלשצר. **כן יאבדו כל אויביך ד'.**

## די מיטוואך פלעי אין לאנטש רום – דיינו איז דער גנב פון די רינגל

**די וואך** איז געקומען די רייע אויף די כיתה פון **הרב מרדכי מאיר בער גליק שליט"א** ווי זיי האבן אהער געשטעלט א פלעי אזוי הערליך און שיין אויף א מייסטערהאפטיגן וועג. **עס איז אויפגעשפילט געווארן די באקאנטע "דיינו" מעשה** וואס מ'פירט זיך צו פארציילן בעפאר פסח און ס'איז די וואך פארציילט געווארן פאר די קינדער אין חדר.

**מיר זעהן** ווי דער קעניג **(שלמה יאקאב)** קומט אריין מיט זיינע צוויי באדינער **(יצחק יושע פריעדמאן, יצחק אייזיק רובינשטיין)** מיר הערן ווי דער קעניג זאגט אז ער איז זייער רייך, ער האט ליב שיינע דזשולערי און ער וויל קויפן, מיר זעהן ווי א גאנצע טיש מיט סוחרים **(שלמה אלי' כהנא, משה יחיאל פריעדמאן)** וואס פארקויפן שיינע דזשולערי, אויך דער אידישער סוחר ר' בערל (רופן מיר אים) **(ברוך טייטלבוים)** זיי ווייזן זייער שיינע זאכן צום פארקויפן דער קעניג קומט און קויפט פון זיי נאר שיינע זאכן. מיר זעהן ווי זיי ברענגען שיינע קייטל'עך וואס דער קעניג האט זייער ליב, נאכדעם זעהן מיר ווי דער קעניג קויפט **א נייע שיינע "רינגל אלע באדינער** אלע קינדער האבן געזאגט **<u>ווַאָו</u>!!** ווייל דאס איז געווען זייער א שיינע רינגל, דער קעניג ווייזט דאס פאר יעדן איינעם.

**מיר זעהן** ווי דער קעניג גייט שלאפן און פאקט אוועק אין די קלאזעט זיין שיינע נייע רינגל און דער באדינער גיט אכטונג דערויף, אבער ביינאכט שלאפט ער גוט. און דער גנב דיינו **(נפתלי הירצקא פריעדמאן)** קומט צו גיין שטילערהייט און גנב'עט דעם רינגל!! נאכדעם זעהן מיר ווי דער קעניג שטייט שוין אויף און הייבט אן שנעל זוכן דעם נייעם רינגל, ער זוכט ביים קלאזעט, ער ווערט זייער ברוגז, און הייבט אן שרייען און וויינען ווי איז דער נייער רינגל?? דער קעניג רופט שנעל אלע פאליס **(יעקב גליק, אלכסנדר זושא ווייס, ארי' מייער, ישראל יודא ניימאן, יעקב ארי' סעגעדין, יואל**

# די מעשה ״דיינו איז דער גנב פון די קעניג׳ס רינגל״ אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר (1)



דער קעניג מיט זיינע באדינער





די דשולערי סוחרים



דער דשולערי סוחר ווייזט זיינע שיינע זאכן



ר׳ בערל דער דשולערי סוחר



דער קעניג קומט קויפן שיינע דשולערי



די באדינער טוט אן פארן קעניג זיין נייע קייטל



א שיינע נייע רינגל



דער קעניג טוט אן זיין נייע רינגל



די באדינער לייגט אוועק דעם רינגל



דער באדינער זאגט יא איך וועל גוט וואטשן



די באדינער וואטשט דער קעניג שלאפט

# די מעשה ״דיינו איז דער גנב פון די קעניג'ס רינגל״ אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר (2)



דער באדינער איז איינגעשלאפן



דיינו קומט גנב'ענען



דער קעניג שטייט אויף און זיכט זיין רינגל



דער קעניג רופט די פאליציי



דער אויסרופער זאגט ווער עס וועט זוכן דעם רינגל באקומט אסאך געלט





אלע פאליציי ביי די ארבייט מיט פלעש לייט'ס מען זיכט



ביי ר' בערל דער סדר, קדש.....



ווייזט די מצה פאר אלע קינדער



די טאטע מאכט קידוש סברי מרנן



טרינקט אנגעלאהנט



ורחץ .....

# די מעשה "דיינו איז דער גנב פון די קעניג'ס רינגל" אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר (3)



כרפס מען נעמט.....



יחץ מען צוטיילט.....




די גרעסערע העלפט לייגט מען אוועק פאר אפיקומן



מ'גנב'עט דעם אפיקומן



דער קעניג הערט זיך אינטער ביים סדר



יא יא יעצט ווייס איך שוין ווער



די פאליציי ברענגען דיינו



דער קעניג שרייט "געב שוין צוריק דעם רינגל"



מען באטאפט דעם דיינו



אפשר אין די שיך



יא מיר האבן דעם רינגל געטראפן ביי דיינו ....



דיינו אין דשעיל

## די מעשה ״דיינו איז דער גנב פון די קעניג׳ס רינגל״ אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר (4)




מען פירט דיינו צו דשעיל



וויש וואש ווענט אין חדר



אונזערע הענט׳לעך שטארק פארנומען






מיר ארבייטן זייער פלייסיג א יעדן טאג נאך אביסל און נאך אביסל מיט אונזערע הגדות




וויש וואש הויף,,



וויש וואש בייקס,,,,,



עס איז געווען אמחי׳

# די גאנצע ״סדר נאכט״ אויפגעשפילט ביי אונז אין די נויירסערי






א סדר ווערט אפגעראכטן אין די נוירסערי כיתות הערליך הערליך שיין








אלעס אין די רייע קדש.... ורחץ.... כרפס....









מען גנב'עט דעם אפיקומט

מאכט'ס אויף די טיר ברייט......

לשנה הבאה בירושלים....

## בעסער שפעטער ווי קיינמאל

**אנטשולדיגונג פון מנהל:** ווי באקאנט איז אינמיטן ווינטער פארגעקומען די קינדער ריפארט. ווי א יעדעס קינד איז געווארן אויסגעשמועסט די מלמד מיטן מנהל איבער זיין הצלחה, זיין תכלית, צו ער האלט מיט מיט די אקטיוויטעטן אין חדר מיט א סוקסעס, אדער עס איז וויכטיג אז דאס קינד זאל באקומען א געוויסע הילף צו קענען צוקומען צו זיין הצלחה. דאס איז פארצייכענט געווארן אויף א יעדעס קינד, און די עלטערן האבן געהאט די מעגליכקייט צו רופן און הערן אויף זייער קינד דאס וואס איז פארצייכנט.

במשך די וואכן וואס מען האט צוריק גערופן האט מען ב"ה צוריק גערופן הונדערטע עלטערן און ב"ה געהאט די מעגליכקייט אויסצושמועסן וואס מען דארף, נאר בליע"ה אזא פארנעם קינדער ב"ה האט זיך דאס פארצויגן וואכן לאנג (צוליב וואס פאר א יעדע פאון קאל ווערט געגעבן די פולסטע רואיגקייט און ישוב הדעת אדורך צו טון א קינד אין פאל פון נויט) אזוי האט זיך דאס שטארק פארשלעפט און ב"ה מיר האבן צוגעטרעטן צום פורים און פסח סעזאן דאס האט שטארק איבער געהאקט דאס צוריק רופן נאך עלטערן.

דעריבער ווילן מיר זיך אנטשולדיגן פאר די עלטערן וואס מיר האבן נאכנישט צוריק גערופן און מיר מעלדן אז בעזהשי"ת צוויי וואכן נאך פסח וועט מען ווייטער צוריק רופן די עלטערן וואס מ'האט נאכנישט צוריק גערופן. א יעדע מעסעדש איז פארצייכענט און מיר וועלן דאס צוריק רופן. צו הערן א קינדער ריפארט איז נאר ביים איבער לאזן א מעסעדש ביי די קינדער ריפארט אפטיילונג אויף 1/8 718-407-7460

### התודה והברכה

א ספעציעלע דאנק פאר **הרה"ח ר' יוסף לייב הכהן סאנדער הי"ו** און פאר **ר' פנחס פריעדמאן הי"ו** פארן ארויס העלפן ביי די פלעי'ס פון די דריי מעשיות מיטן קענען האבן א **"קעניג'ליבע היסב בעט"**. דאס האט ב"ה אסאך צוגעגעבן צו די פארשטאנד פון די קינדער.
השי"ת זאל אייך בענטשן בזכות מחי' זיין די תינוקת של בית רבן זאלט איר געבענטשט ווערן מיט פיל נחת דקדושה און ברכה און הצלחה אין יעדן געביט.

### עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו

א גרויסן ישר כחך ווילן מיר דא איבערגעבן פאר אונזער ידיד
דעם געטרייער מיטארבייטער און איבערגעגעבענער טעראפיסט ה"ה

**מו"ה אהרן הלוי אקסלרוד הי"ו**

**א דאנק אייך האבן מיר די בילדער יעדע וואך אזוי שיין..**
השי"ת זאל אייך בענטשן בזכות מחי' זיין די תינוקת של בית רבן זאלט איר געבענטשט ווערן מיט פיל נחת דקדושה פון אלע קינדער, אייניקלאך און אור אייניקלאך און ברכה און הצלחה אין יעדן געביט.

# קינדער-צייט מעלדונג

פאר די וואס פרעגן און ווילן וויסן איבער די **נאכמיטאג פראגראם** פון **"קינדער-צייט"** אויף נאך פסח.

ב"ה עס האט זיך ארויס געשטעלט א גוטע סוקסעס מיט די נאכמיטאג פראגראם פאר די עלטערן וואס דארפן דאס האבן און זיי קענען נישט אפווארטן די באס אום 2:50 ווען די קינדערגארטן נוירסערי קינדער גייען אהיים. איז ב"ה צוגעשטעלט א נאכמיטאג פראגראם ווי די קינדער פארבלייבן אין חדר ביז 3:30 און זיי גייען אהיים מיט די כיתה א"ב באסעס בערך 3:35 די ערשטע סטאפ.

די קינדער פארברענגען ב"ה זייער שיין אינטער די אויפזוכט פון שטארק איבערגעגעבענע מלמדים. די קינדער מיט די עלטערן האבן זייער הנאה דערפון. דעריבער וועלן מיר בעזהשי"ת **ווייטער ממשיך זיין אין די וואכן פון נאך פסח ביז ווען מ'פארט אין קאנטרי.** די קינדער–צייט נאכמיטאג פראגראם, גייט אן א יעדן טאג ווען עס איז דא חדר ביז 2:50 גייען די קינדער פון קינדער–צייט אהיים נאך 3:30 מיט די באסעס פון כיתות א"ב.

עלטערן וואס ווילן שיקן די קינדער צום נאכמיטאג פראגראם **דארפן שיקן א צעטיל צום מלמד פון קינד און בעטן אן אפליקעישן** עס דארף זיין א מינימום פון א חודש, צוליב וואס עס נעמט ביז א קינד געוואוינט זיך צו צו א נייע זאך און מ'קען נישט ארום מישן פאר א טאג אדער א וואך. וו פארשטענדליך.

**פרייזן פאר קינדער–צייט נאכמיטאג פראגראם פון נאך פסח ביז זומער איז** $340

**צו איינשרייבן א קינד צום נאכמיטאג פראגראם זעהט'ס אין ווינקל ביי קינדער–צייט צעטיל.**
מען דארף בעטן פון מלמד א אפליקעישן.

די "נאכמיטאג פראגראם קינדער–צייט" איז א פריוואטע אינטערנעמונג און מען קען זיך נאר איינשרייבן מיט אן אפליקעישן פון חדר עס האט גארנישט מיט די מעין אפיס אויף 76 ראטלידש סט.

## מעסעדזש צו די עלטערן

## די קינדער וואקסן ב"ה, די וועש נישט.

אז מען האט שוין גערעדט פון מלבושים, האט מען געבעטן אויפמערקזאם מאכן די חשובע עלטערן שיחיו - איבער דעם וואס מען כאפט זיך נישט אלעמאל אז די קינדער וואקסן אויס די העמדעלעך און די הויזעלעך און עס פאסירט זייער אסאך מאל ווען קינדער שפילן זיך ארום און בייגן זיך איבער, טוט זיך אויפדעקן טיילן פון קערפער וואס דארפן זיין באדעקט און קליינע קינדער כאפן זיך ארויף דערויף און קלערן דאס אלס א שפיל, אבער איידלערהייט דארף מען וויסן אז דאס ברענגט נישט קיין גוטס, צו צניעות דארף מען צוגעוואוינען קינדער פון גאר יונג, **מען דארף זיכער מאכן אז די קינדער גייען אנגעטוהן מיט קליידונג וואס איז גוט לויט זייער געוואוקס**.

**פרענקל)** מיר זעהן ס'קומען צו פליען די פאליס אלע קינדער העלפן צו מיט די אלארעם דער קעניג רופט זיי אלע צוזאמען ער פארציילט זיי אז איינער האט געגנב'עט דעם קעניג'ס נייע רינגל.. יעדער הייבט אן זוכן דער קעניג זאגט: אז ווער ס'וועט העלפן זוכן דעם שיינעם רינגל באקומט אסאך געלט. יעדער נעמט זיך זוכן אין אלע זייטן זיי גייען ארום אין גאנצן לאנטש רום זיי בייגן זיך אינטער אלע טישן. די פאליס מיט א פלעש לייט זוכט איבעראל.

**דער איד** ר' בערל וועם דער קעניג האט זייער ליב קומט אויך זאגן פארן קעניג אז ער גייט זוכן דעם רינגל, דער קעניג גיבט איהם אסאך געלט, נאכדעם הערן מיר ווי דער באדינער דיינו קומט אויסזאגן פארן קעניג אז ר' בערל זוכט אפילו נישט דעם רינגל ער האט גענומען די געלט צו מאכן א שיינעם יו"ט פסח.

**און אויך** זאגט ער אז ר' בערל אליין האט צוגענומען דעם נייעם שיינעם רינגל דער קעניג וויל נישט גלייבן ווייל ער האט זייער ליב ר' בערל.

**הערליך שיין** זעהן מיר ווי מ'גרייט צו א שיינע סדר טיש ביי ר' בערל אינדערהיים מיר זעהן דעם שיין געדעקטן טיש אין דער הייער מיט די שיינע קאוטש בענקל, די קערה, די מצות, די מרור, אלעס אלעס אזוי עכט.. די טאטע ר' בערל קומט אריין צום טיש מיט די קינדער **(בערל אבעלעס, שמחה ישכר שלעזינגער, מרדכי רייז, שמחה ניסן פריעדמאן, מרדכי מיטעלמאן, גדלי' לאנדא, ישעי' אפפעל)** זיי זעצן זיך שיין ארום מיר זעהן ווי די טאטע גייט שוין מאכן קידוש.

**דער סדר טיש מיטן פולן פראכט** א אינגל זאגט שיין **קדש,** דערנאך זאגן אלע קינדער צוזאמען עס הילעכט אפ מעכטיג אזא לעבעדיגן **קדש,** מיט **ורחץ** און אזוי ווייטער. און א אינגל זאגט **ורחץ** אזוי ווייטער **כרפס,** אלע קינדער זאגן שיין הויעך ס'איז געווען געוואלדיג!! **די טאטע נעמט דעם בעכער אין די האנט** אלע קינדער האבן דארט בעכער'ס אזוי ווייטער מ'ברענגט דעם שיינעם שיסל מיט א טעפל פאר ורחץ דעם רעטאך, מיר

קענען שוין קוים ווארטן אויף אונזער סדר טיש. די טאטע נעמט ארויס דעם יחץ מצה מיר זעהן אלע ווי מ'צוטיילט דאס, יעדער שרייט וואס איז גרעסער, מ'לייגט דאס אריין אין די אפיקומן האלטער. דערנאך נעמט די טאטע די מצות אויף די פלייצעס צו ווייזן ווי אזוי דאס איז געווען אין מצרים. אזוי באהאלט מען גוט. שפעטער זעהן מיר ווי צוויי קינדער קומען און גנב'ענעןדעם אפיקומן. און זיי ווילן בעטן א גוטע זאך פאר אפיקומן א אלף בינה.... אזוי ווייטער זעהן מיר די מרור, אלע קינדער קוקן אזוי שיין אריין אין די הגדה.

**פלוצלינג** זעהן מיר ווי דער קעניג **(פנחס יוסף אלימלך קאהן)** מיט זיינע באדינער **(שמואלי ווייס, אהרן הערש שטערן)** קומען אן צום סדר פון ר' בערל דער קעניג קוקט זיך צו, נאכדעם הערט דער קעניג ווי דער טאטע פרעגט עפעס און אלע קינדער ענטפערן זייער שיין **"דיינו - דיינו - דיינו"** דער קעניג באגריסט ר' בערל זייער שיין א גוט יו"ט און גייט שוין אהיים.

**דער קעניג** קומט אן אהיים און זאגט פאר די באדינער שוין רוף די פאליס: יעצט ווייס איך שוין זייער גוט ווי איז מיין רינגל און ווער איז דער גנב **"דיינו"** איז דער גנב... און ר' בערל האט געהאלפן זוכן.

**דער קעניג** הייסט די פאליציי זיי זאלן שנעל פליען ברענגען דעם גנב דיינו. מיר זעהן די פאליס לויפן זייער שנעל אלע קינדער העלפן צו מיט די אלארעמ'ס געשריי, מען שטעלט אוועק דעם דיינו מען טאפט אים גוט אויס אויך טוט מען אויס זיין שיך און אט אט מ'טרעפט דעם הערליכן שיינעם נייעם רינגל.

אלע קינדער האבן אויסגעשריגען מיט א ברען **דיינו אין דזשעיל דיינו אין דזשעיל...** מיר זעהן ווי מען בינדט צו זיין הענט און ער גייט און דזשעיל צו די הויפט פון דשעיל **(שמואלי פעלמאן)** אזוי האבן מיר שיין פארענדיגט דעם הערליכן שפיל.

## א סדר נאכט מיט די קינדער

**עטליכע קלאסן:** ספעציעל ביי די נוירסערי.. ווען מיר האבן שוין גע'ענדיגט די הגדה'לעך האט אונז מיין רבי געזאגט אז מען וועט איבערגיין מיט אלע קינדער איינאיינעם די הגדה פון אינעווייניג מיט אלע זאכן וואס מען טוט יו"ט פסח ביי די סדר נאכט.

**מען רוקט צוזאם די טישן** און מען דעקט טיש א ווייסע טישטוך, מיין רבי טוט אן א ווייסע קיטל, מיר זיצן אזוי שיין צוזאמען באחדות. מיר אלע קינדער מישן אויף די הגדה, מען זאגט צוזאמען קדש ורחץ, מען מישט א בלעטל נאך א בלעטל, מיר קוועלן און האבן הנאה פון די הערליכע הגדה. מיר זענען געזיצן מיט א רוהיגקייט און א פרייליכן געמיהט און אויסגהערט ווי

אונזער רבי ברענגט אין אונז אריין דעם שמחת יום טוב, און טוט אונז מיט נעמען אין די מצוות לויט אונזער דרגה וויפיל מיר פארשטייען און וויפיל מיר האבן געלערנט.

**מיר האבן געהאט כוסות,** מיט **מצות מיט מרור כרפס – רעטעך** אלעס ממש אזוי עכט דאס האט אונז שוין געמאכט זייער פרייליך. מיין רבי זאגט אונז אז יעצט טארן מיר נישט עסן די מצות נאר פסח ביינאכט. **מיר קענען שוין קוים ווארטן ווען עס וועט שוין קומען די הייליגע לעכטיגע מינוטן פון די עכטע "סדר נאכט".**

# יעצט א ווארט צו די עלטערן

טייערע חשוב'ע עלטערן שיחיו

**מיט** גרויס הנאה טוהן מיר אייך פארשטעלן די אלע לימודים און די הערליכע הגדה וואס אייער קינד ברענגט אהיים פון חדר, וואס די קינדער האבן אזוי שיין געלערנט, א יעדע יארגאנג לויט זייער שטאפל. מיר שפירן פאר וויכטיג ארויסצוברענגען עטליכע און וויכטיגע פונקטן וואס איז נוגע פאר די עלטערן צו זיין אויפמערקזאם אין די צייט פון א יו"ט.

### צייגן אינטערעסע אויף די קינדער'ס ארבעט

**די** חשובע מלמדים ארבעטן שוין מיט די קינדער עטליכע וואכן, יעדן טאג האבן די קינדער זיך צוגעהערט און מיטגעהאלטן אלע לימודים ובפרט די לעצטע וואך צייט זענען די הענט'לעך געווען אביסל מער פארנומען מיט די ארבייט אויף די הערליכע הגדה, דאס אנגרייטן און צושטעלן די קינדער נאך בעפארן אנהייבן די ארבייט יעדן טאג, איז אן ספעציעלע ארבייט פאר זיך, אויסצורעכענען אז די קינדער זאלן פארשטיין און וויסן וויאזוי מ'גייט ארבייטן פארשטייט זיך מיט א חשק און געשמאק. בשעת'ן ארבייטן האט מען כסדר געחזר'ט נאכאמאל און נאכאמאל די סימני הסדר די מה נשתנה.

**די קינדער** האבן מיטגעהאלטן מיט די שיינע הגדה – פון ווען עס איז אריינגעברענגט געווארן. ווי זיי האבן דאס פארשענערט און אהערגעשטעלט מיט די הערליכע צוגעשניטענע זאכן צוגעפאסט א יעדע זאך צום בלעטל ווי עס ברויך זיין. קוים קוים וואס די קינדער ווארטן שוין דאס אהיים צו טראגן צו קענען באווייזן פאר די חשובע עלטערן, און אויך צו נוצן פסח ביינאכט. (נישט פארגעסן מיטצונעמען די הגדה אויב מ'גייט צו א זיידן) דעריבער איז שטארק וויכטיג ארויס צו ווייזן אן אינטערעסע אין זייערע ארבעט, דאס וועט אים געבן חשק אז זיי זאלן פארציילן אלעס ארום די הגדה און דעם הייליגן יו"ט פסח מיטן באשעפער'ס הילף.

### צוהעלפן א קינד מיינט נישט קיין שוואכקייט

**אין** די זעלבע צייט ווילן מיר אנמערקן אז כאטש די חשוב'ע מלמדים האבן אסאך כוחות אריין געלייגט אויסצולערנען די קינדער דעם **קדש, ורחץ, מה נשתנה, שיינע ניגונים אא"וו.** מיט דעם אלעם קען זיך מאכן, אז פסח ביינאכט ביים סדר ווען דאס קינד ברויך זיך אויפשטעלן בפני כל הקהל, קען ער ווערן דערשראקן און ווערן פארמאכט, דאס איז זייער א נארמאלע זאך אז ווען א קינד שפילט זיך אדער ער איז פאר זיך, הערט מען דעמאלטס פון אים אלעס ארויס, ער זינגט, ער זאגט, אבער גאר אנדערש איז ווען מען פרעגט אים אויס. דעריבער איז וויכטיג - אויב דאס פאסירט – **זאל מען צוהעלפן און מיט זאגן מיטן קינד אפאר ווערטער דא און דארט,** אזוי ארום אים געבן חיזוק און מוט צו זאגן ווייטער. האפנטליך וועלן די קינדער בעזהשי"ת קענען ארויס געבן די אלע שיינע זאכן וואס זייער רבי האט געלערנט מיט אים. מען דארף געדענקען אז אין חדר זאגן די קינדער, צוזאמען מיט אנדערע, כמעט קיינמאל זאגט נישט א קינד אליינס.

### די הגדה'ס זענען פסח'דיג

**נאך** א וויכטיגער פונקט שפירן מיר פאר וויכטיג ארויסצוברענגען פאר די עלטערן, אז די חשוב'ע מלמדים האבן געלייגט ספעציעלע געוויכט אז די הגדה'ס זאלן זיין **פסח'דיג ריין פון חמץ**. מ'האט דאס געהאלטן אויף א ספעציעלע פלאץ אפגעזונדערט, געוואשן די טישן, אינטער געלייגט פלעסטיג נאך איידער מ'האט אנגעהויבן ארבעטן אויף די הגדה, און געמאכט זיכער אז די הגדה זאל זיין ראוי ארויף צו קומען אויפן סדר טיש ווי ווייט מעגליך, אלעס כדי דאס קינד זאל זיך שפירן היימיש מיט זיין הגדה פסח ביינאכט. דעריבער קענט איר חשוב'ע עלטערן איבערקוקן די הגדה און אדרבה זיך אליינס איבערצייגן אז די הגדה איז גענצליך ריין פון א חשש חמץ ב"ה. מיט דעם אלעם, ווער עס פירט זיך אלס חומרא דפסח נישט צו האלטן די הגדה אויפן טיש בשעת'ן עסן, אדער אינטער צו לייגן עפעס, רעדן מיר נישט אריין אין די מנהגים וואס מ'האט געזען ביי די עלטערן.

### די אויפפירונג טשארט

**מיר** שיקן אויך אהיים א "**אויפפירונג טשארט**" פאר די פסח טעג. דאס איז געמאכט צו קענען צוהעלפן אייער קינד'ס אויפפירונג. פילט דאס אויס און שיקט דאס צוריק נאך יו"ט מיט אייער קינד, און ער וועט בעזהשי"ת באקומען א באלוינונג דערפאר בלי נדר.

### שיקן א מצוה צעטל נאך יו"ט

**אויך** איז וויכטיג צו שיקן א "**מצוה צעטל**" פארן מלמד נאך יו"ט ווי אזוי דאס קינד האט געקענט די קדש ורחץ, די קשיות, און די ענינים פון פסח, דאס וועט אים געבן א שטארקע חיזוק אנצוגיין ווייטער מיט זיין עבודת הקודש, אויך איז דאס כדאי פארצולייענען ברבים פאר אלע קינדער (פארשטייט זיך נאר די גוטע חלק) אזוי אז די קינדער זאלן באקומען א חשק אויף ווייטער.

**יעדעס קינד וויל אז מען זאל פארליינען אויף איהם הויעך זיינע גוטע זאכן. דאס איז פאר די קינדער זייער וויכטיג דער צוזאם שטעל פון שטוב מיטן חדר.**

### מעסעדזש פון מנהל

**אלע זאכן אויף פסח האט מען שיין איינגעפאקט אין א ספעציעלע בעג צוזאמען מיט די קינדער. עס איז פאר זיי א גרויסע שמחה א יעדע איינציגע זאך פונעם פסח פעקל. אדרבה! עס לוינט זיך אראפצונעמען א פאר מינוטן און לאזט אייער קינד זאל אייך באווייזן זיין הערליכע ארבייט און טוט ארויסווייזן פארן קינד התפעלות מיט א אינטערעסע פון זיין ארבייט מיט א גוט ווארט, און דערנאך דאס אוועק שטעלן אויף פסח עס זאל בלייבן אפגעהיטן פון חמץ כדי דאס צו קענען נוצן אויף יום טוב. ביים סדר זאל ער דאס נוצן מיט הנאה. אויך א ספעציעלע בריוו וויכטיג פאר די עלטערן וועגן יו"ט פסח פאר יעדן קינד און זיין שאלות ביכל.**

# די ניגונים צום יו"ט פסח מיט'ן אלט'ן אידישן חן.

ווי באקאנט ביי אונז אין חדר די אלע יארן זינגט מען מיט די קינדער לכבוד פסח דעם באקאנטן "חד גדיא" ניגון ווי די קינדער רופן דאס **"איין ציגעלע איין ציגעלע** ניגון. עס איז דא אסאך מלמדים וואס גדעדנקען נאך ווי שיין דער אומפארגעסליכן לאנג יאריגער מנהל במוסדותינו הק' **הרה"ח המפואר רבי יקותיאל זלמן בינער זצ"ל** פלעגט אלע יארן דאס זינגען מיט די קינדער'לעך בעפאר דעם היילגין יום טוב פסח, די אלטע ניגונים מיטן אידישן חן.

**עס איז באמת נישט צום גלויבן** וויפיל די קליינע קינדער כאפן אויף און קענען פארנעמען די אינהאלטן פון א יום טוב מיט אלע דעטאלן ממש צום באוואונדערן, **בלייבט אונז נאר איבער צו וואונטשן און בעטן א תפלה צום באשעפער אז בזכות תשב"ר וואס גרייטן זיך מיט אזא פרייליכקייט צום היילגין יום טוב זאלן זיי טאקע ארייננברענגען ריכטיגע שטראלן פון ליכטיגקייט פיל מיט נחת און א שמחת יו"ט אמן.**

## די דריי שיינע מעשה ביכלעך!

**קינדערגארטן און פרי קינדערגארטן**

**אין די וואכן פאר פסח** פארציילט מען און מען שפילט אויף אין חדר פאר די קינדער, די הערליכע שיינע מעשיות ווי ס'איז אנגעגומען ביי חסידישע אידן צו פארציילן אלט'ס א סגולה וואס ווערט געברענגט פון דעם הייליגן קאזניצער מגיד זי"ע אריין צוברענגען דעם יו"ט פסח מיט א הרחבה. **איז יעצט אויף פסח האבן מיר ארויסגעגעבן די דריי מעשה ביכלעך וואס די קינדער פון חדר זענען א חלק פון די ביכלעך ווי זיי האבן דאס אליינס אויפגעשפילט מיט לעבעדיגע פארבן.**

**די קינדער** האבן זייער הנאה איבער צוקוקן די מעשיות וואס איז אויפגעשפילט געווארן מיט זיי, מיט די מעשה ביכלעך וועט זיין א גוטע געלעגענהייט אז די קינדער זאלן מער לעבן דערמיט און דאס איבערגיין במשך פונעם יום טוב ווי זיי ווילן דאס פארציילן און אראפליגן מיט א געשמאק בעזהשי"ת. ובפרט יום טוב פסח ווי עלטערן זענען מקיים דעם והגדת לבנך.. דער **"למען תספר"..** וועט דאס אוודאי צוגעבן פארשטאנד פאר די טייערע צאן קדשים אריין צוברענגען אמונה השי"ת. די עלטערן וועלן זיך אנשעפן פול מיט אידיש נחת.

## א ווארט צו די קינדערגארטן עלטערן

**די חזרה פון די א'ב' חלק ב'** די אותיות פון כ' ביז ץ' האבן מיר ב"ה פארענדיגט, כאטשיג מען ארבייט פלייסיג מיט די הגדות אבער מיר לערנען כסדר איבער די אותיות. עס איז זייער וויכטיג ווען מען קען אביסל שפילן מיט די א' ב' קארטלעך שבת אדער אפאר מינוט ווען די קינדער קענען ווייל דאס איז א אופן פון שפילן און די קינדער זעהן די אותיות און זאגן דאס העלפט דאס אסאך ארויס מיר וועלן אי"ה אהיים שיקן אויף קומענדיגע וואך נאך קארטלעך.

## חכמה'לעך!

**משה אלי'** האט געהערט די גוי'טע רעדן און ער האט נישט פארשטאנען וואס זי רעדט האט ער געפרעגט אויב זי רעדט אזוי בגתן ותרש..

**שלום** האט פארציילט פאר זיין רבי אז זיין מאמע האט איהם אויף געקויפט נייע העמד פאר יו"ט פסח אזוי ווי מאשקע האט געקויפט אויף פסח נייע העמדער, סוועטערס מיט שיך פאר זיין משפחה לכבוד יום טוב פסח...

**מרדכי** האט געזעהן א נייע גרעיפ דזשוס האט ער געפרעגט אויב טאטי האט געקויפט צופעדיגע ווייין אין די קרעטשמע..

**יחזקאל** פרעגט פארוואס פרעה לויפט ארום אויפזוכן משה? ער קען דאך אנשמירן זיין טיר מיט בלוט...

**יצחק** האט געהאלטן די ווינדעק"ס באטל און זיך געוואלט אנשפריצן, מ'פרעגט איהם וואס טוסטו? זאגט ער, ער גייט זיך פסח'דיג מאכן...

**שלום** האט אוועקגעלייגט א שטיקל פלייש פון נאכטמאל פאר קרבן פסח..

### אפוועגן די האר

**ווי עס איז באקאנט דער גרויסע ענין אפצוווען די האר פון א חאלאקע אינגל און מען גיבט די געלט פאר צדקה.** (כמובא בספר מטעמים ערך שערות, וכבר נזכר בשו"ת הרדב"ז ח"ב סי' תר"ח, ועוד) **פאר סיי וואס פאר א פראגע איבער די הייליגע סגולה פון אפוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל אדער צו באשטעלן די אפוינטמענט**

**ביטע רופט : הרב יואל ווערצבערגער הי"ו 347.452.8336**

**ובזכות הצדקה וועט דער הייליגער באשעפער זיכער העלפן איר זאלט זוכה זיין צו זעהן רב תענוג ונחת דקדושה פון דעם קינד און אלע אייערע קינדער בבריות גופא ומזוני רויחי בשפע רב ובהרחבה גדולה ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין בקרוב זיך צו פרייען אינאיינעם בבנין בית הבחירה בביגוא"צ בב"א.**

### נייעס ליין שער הנגינה

**געוועגדליך ווערט די שער הנגינה גע'אפדעיטעד דאנערשטאג ווי די קינדער זינגען די ניגונים וואס ווערט געלערנט מיט זיי.**

**718 407-7460 1/5/6 הערט און האט'ס הנאה**

בס"ד

# קינדערצייט
# קינדער ווינקל

## קינדער-צייט נייעס

**"די ל"ט מלאכות אין א צווייטע פאזע" די וואך האט מען ווייטער געלערנט וואס מען טוט מיט די וואל נאכן אויסקעמען.**

**קודם טוט מען דאס פארבן "הצובע" פארבן אדער פעינטן. דערנאך מאכט מען דעם פאדעם "הטווה" שפינען אדער צוזאם דרייען א פאדעם. און נאכדעם "המיסך און העושה שתי בתי נירין" מען ציהט איין דעם פאדעם צו קענען מאכן א סחורה. מיר האבן געהערט און אביסל געזעהן פון די אלע שיינע זאכן וואס מיר לערנען אזוי זיס און געשמאק מיט וואס דער הייליגער שבת און ארום גענומען.**













**אויף דעם הויף** האבן מיר זייער גוט געניצט די וואך ווען די וועטער איז געווען אזוי שיין, אזוי פארברענגען מיר א יעדן טאג זייער גוט.

**איין טאג האבן מיר באקומען א שטיקל פלעסטיק מיט לעבער מיט א נאדעל און א פאדעם און אזוי האבן מיר ממש איינגעצויגן דעם פאדעם און פורבירט צו נייען זייער שיין אלע קינדער קענען נייען ווי אזוי מען וויל. מיר ציען א פאדעם רעכט'ס און לינקס.. ארויף און אראפ....**

**אזוי האבן מיר געלערנט מיט הנאה און געשמאק מיט א זיסע פארשטאנד.**

ב"ה די קינדער פון "קינדער-צייט" **נאכמיטאג פראגראם** פארברענגען שיין. די קינדער קומען ב"ה אהיים גליקליך און צופרידן, גוט אנגעפילט מיט נאך שיינע וויכטיגע ידיעות. צו די צופרידענהייט פון די עלטערן.

**די וואך האט מען אהיים געשיקט דעם "רעגיסטרעישן אפדעיט צווייטע דערמאנונג" פאר די וואכן פון נאך פסח ביז'ן זומער. די אלע קינדער וואס גייען שוין צו קינדער-צייט און ווילן ווייטער אנהאלטן אויף נאך פסח, דארפן צוריק שיקן דעם "רעגיסטרעישן אפדעיט" אויסגעפילט. ווי אמשנעלסטן.     מיט דאנק.**

**אסרו חג מיטוואך וועט בעזהשי"ת אנגיין דער סדר פון קינדער-צייט. אזוי אויך א יעדן טאג ווען די כיתה א' כיתה גייט אהיים ווי א געווענליכן טאג גייט אן דער סדר פון קינדער-צייט**

**פאר סיי וואס פאר א פראגע איבער "קינדער-צייט נאכמיטאג פראגראם"**
**רופט 718-407-7460 #1-7 אין לאזט א מעסעדזש וועט מען אייך צוריק רופן.**

אויב ווילט איר איינשרייבן צו "**קינדער-צייט נאכמיטאג פראגראם**" אויף נאך פסח ביז'ן זומער
שיקט דאס צום מלמד פון אייער קינד מינימום א חודש

לכבוד דעם מלמד הרב ________________ שליט"א      רום ______
מיר ווילן בעטן א "**קינדער-צייט אפליקעישן**". ביטע אהיים שיקן
מיט אונזער אינגל כמר ________________ נ"י   טעלעפאן ____________
מיט דאנק

# מזל טוב ווינקל

ברכת מזל טוב פאר הילד
שמעון ב״ר יעקב הערש בערנאט ני״ו
לכבוד זיין פעטער׳ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב זלמן לייב פריעדמאן שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יצחק בנימין ב״ר יעקב קטינא ני״ו
לכבוד זיין ברודערס אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
שמואל צבי ב״ר שלמה ליכטמאן ני״ו
לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יחזקאל יוסף כהן שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יודא בן הרה״ג רבי יואל הערש קאהן ני״ו
לכבוד זיין ברודער׳ס בר מצוה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כהנא שליט״א
הרב יחזקאל שרגא טייטלבוים שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
וואלווי ב״ר יצחק אייזיק זילבערשטיין ני״ו
לכבוד זיין פעטער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל ארי׳ מאלח שליט״א
הרב יחיאל שטעסל שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יצחק טובי׳ ב״ר משה הירש ני״ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי׳ מאיר פאגעל שליט״א
הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
שמעון ב״ר יודא טייטלבוים ני״ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי׳ מאיר פאגעל שליט״א
הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
הערשי ב״ר יצחק משה ראזענבערג ני״ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי׳ מאיר פאגעל שליט״א
הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
הערשל ב״ר יעקב יואל שטייממעטץ ני״ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי׳ מאיר פאגעל שליט״א
הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
גבריאל הכהן ב״ר יחזקאל שרגא גלאנץ ני״ו
לכבוד זיין מופן צו די נייע הויז
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל וואלף שווארטץ שליט״א

ברכת מזל טוב וצאתכם לשלו׳ פאר הילד
הערש אלימלך ב״ר אהרן דוד זינגער ני״ו
לכבוד זיין מופן קיין מאנסי
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל וואלף שווארטץ שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
דוד גדלי׳ ב״ר ישראל הערש ראזענבערג ני״ו
לכבוד זיין מומעס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל וואלף שווארטץ שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
לייבוש בן הרב יעקב ישראל אלימלך זילבער ני״ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל כ״ץ שליט״א
הרב יואל צבי שפיצער שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יואל הערש ב״ר יעקב קטינא ני״ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל כ״ץ שליט״א
הרב יואל צבי שפיצער שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
זלמן ב״ר שמחה זימל אהרן רעטעק ני״ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל כ״ץ שליט״א
הרב יואל צבי שפיצער שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
לוי יצחק ב״ר ישכר בעריש ברוינער ני״ו
לכבוד די געבורט פון א ניכטע
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יושע מאיר ווייזער שליט״א
הרב יחזקאל שרגא טייטלבוים שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
שמעון בן הרב יחיאל מיכל פריינד ני״ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יעקב מאיר סרוגא שליט״א
הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
משה יוסף ב״ר איתמר טובי׳ בראי״ שווארטץ ני״ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יעקב מאיר סרוגא שליט״א
הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
אברהם בן הרב אלעזר ארי׳ זילבערשטיין ני״ו
לכבוד זיין פעטער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב חיים לייפער שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יחזקאל שרגא ב״ר שמעון שווארטץ ני״ו
לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב שלמה ניסן שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
משה ארי׳ ב״ר מאיר זאב אבערלענדער ני״ו
לכבוד זיין פעטער׳ס בר מצוה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יודא לייב פוקס שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
ישעי׳ ב״ר אליקום בובינגער ני״ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל שלמה פארקאש שליט״א
הרב ירמי׳ סג״ל לעווי שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
שלמה גבריאל בן הרב אליעזר זוסיא פליישמאן ני״ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל שלמה פארקאש שליט״א
הרב ירמי׳ סג״ל לעווי שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
שלו׳ דניאל בן הרב קלמן אליעזר סאאל ני״ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ברוך הורוויץ שליט״א
הרב יואל לעבאוויטש שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יוסף יושע ב״ר נפתלי חיים שיפף ני״ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל שלמה פארקאש שליט״א
הרב ירמי׳ סג״ל לעווי שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יצחק ב״ר נתן ברוינער ני״ו
לכבוד זיין ברודער׳ס בר מצוה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יצחק אייזיק ווערצבערגער שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
שלמה זלמן ב״ר צבי פריעדמאן ני״ו
לכבוד זיין פעטער׳ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב בנימין כהן שליט״א
הרב שמעון פריעד שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יושע ב״ר יעקב אלעזר לאנדא ני״ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ברוך הורוויץ שליט״א
הרב יואל לעבאוויטש שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יצחק יחיאל ב״ר יוסף נפתלי שלעזינגער ני״ו
לכבוד זיין פעטער׳ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ברוך הורוויץ שליט״א
הרב יואל לעבאוויטש שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
אלי׳ בצלאל בן הרב נפתלי הירצקא גלאנץ ני״ו
לכבוד זיין ברודער׳ס בר מצוה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב שלמה ניסן שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
משה אפרים פישל ב״ר גדלי׳ שטיינמעטץ ני״ו
לכבוד זיין פעטער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יצחק קארפען שליט״א
הרב שמעון פריעד שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
חיים יחיאל מיכל ב״ר ליפא קויפמאן ני״ו
לכבוד זיין עלטער פעטער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יעקב מאיר סרוגא שליט״א
הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט״א

ברכת מזל טוב פאר הילד
שלום בן הרב ישראל קויפמאן ני״ו
לכבוד זיין מומע איז א כלה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל ארי׳ מאלח שליט״א
הרב יחיאל שטעסל שליט״א

## הערליך שיין - פראקטיש - ביליג








שמחות ביי אידן ב״ה. עס איז אונז געלונגען אהער צו שטעלן שיינע **״מזל טוב״ פעקלעך** פאר גאר ביליג.
דאס טוט באשיינען די אידישע שמחות ב״ה, פילע עלטערן בעלי שמחות זענען שטארק דאנקבאר ווי שיין
און ביליג די פעקלעך זענען געווען, מיט די העכסט צופרידענהייט.
באזונדערע שיינע דיזיינס לויט די שמחה,
**קרי״ש ליינען – וואכנאכט**, א הערליכע פרינט בעג.
**אפשערן** און חדר פירן א הערליכע פרינט בעג, אזוי אויך ביי סיי וואס פאר א שמחה אז איר ווילט פעקלעך ווי
למשל **הכנסת ספר תורה**, אדער **חברת תהלים**, סיי ווען איר דארפט א **״שיינע מזל טוב פעקלעך״** זענען מיר
גרייט אייך דאס צו צושטעלן בעזהשי״ת.

**פאר באשטעלונגען רופט דעם חדר נומ. 2217 # 718-407-7460**


**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 718-407-7460 Ext 1 – 6**